# אַ שטימע פון יאָמער־טאָל

פון דר. נחמן בלומענטאַל*) / באָרשטשאָוו

מיין פרוי מאַניע און מיין זון אריאל —
צום טויט פאַרמוטשעטע דורכן דייטשן פאָלק.

## ווער איז שולדיק?

דאָס ערשטע געפיל, וואָס באַהערשט אַ מענטשן, ווען ער קומט צום ערשטן מאָל אין די געביטן, וואו עס זיינען פאָרגעקומען די שוידערלעכע דייטשע אַקציעס, וואָס קיין שום געשיכטע — אַפילו פון ערגסטן, גרויזאַמסטן פאָלק — קען ניט, — איז דאָס געפיל פון בושה. דו שעמסט זיך, וואָס יידיש בלוט איז אַזוי ביליק געווען, וואָס דאָס יידישע לעבן איז געווען אַזוי הפקר, דו שעמסט זיך, וואָס יידישע מתים האָבן זיך געוואַלגערט עפנטלעך אין די גאַסן, וואָס יידיש בלוט איז גערונען [ווערטערלעך!] איבער טראָטואַרן און [...]טראָון, דו שעמסט זיך, וואָס אַ ייד — מעג דאָס זיין אַ פרוי צי אַ קליין קינד — איז באַטראַכט געוואָרן פאַר [...] געפערלעך און עקלדיק באַשעפעניש, אַז פאַר [...]הרגענען אים, קומט אַ באַלוינונג! און דו שעמסט זיך, וואָס ביסט אַ ייד, וואָס געהערסט צו אַ פאָלק, וואָס איז אַזוי מוראדיק דערנידעריקט געוואָרן. דו שעמסט זיך, וואָס דער ייד איז געשטעלט געוואָרן נידעריקער פון [...]עוועדן באַשעפעניש, פון נידעריקסטן און מגובלסטן, וואָס דאָס הרגענען זיינס רופט אַפילו ניט אַרויס קיין מינדסטן רעפלעקס פון געוויסן, עטיק, צי אַפילו געזעץ! — דו הערסט די געשיכטן צום הונדערטסטן מאָל, און גלייבסט נישט! ווי אַזוי האָט דאָס געקאָנט געשען? ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך?! און די מענטשן, וואָס דערציילן דיר דאָס, וואָס האָבן דאָס אַליין איבערגעלעבט, גלייבן ניט אין דעם. זיי אַליין באַטראַכטן זייערע אייגענע איבערלעבענישן, ווי עפּעס אַ בייזן חלום, עפּעס אַ מין אויסגעטראַכטע זאַך, וואָס האָט ניט קיין קיום אין דער ווירקלעכקייט! און ווען דאָס רעאַלע לעבן, דער גאַנצער אַרום־און־אַרום דערמאָנט דיך, אַז ס'איז טאַקע אַן אמת, אַז דאָס געשעענע איז ניט קיין אויסטראַכטעניש — שעמסטו זיך, שעמסטו זיך פאַרן געשעענעם! און טאַקע, ווי אַזוי האָט דאָס געקאָנט געשען?! און ווען דו הויבסט זיך אָן אַ ביסל צו באַזינען און באַקליידן די פאַקטן און הויבסט אָן צו גריבלען זיך: ווער איז אייגנטלעך דער חייב דערפון, ווער איז דער שולדיקער? — און דו הויבסט אָן זיך פּלאָנטערן אין דעם הויפן פאַקטן, אַרגומענטן, וואָס קאָנען פירן צו אַן ענטפער אויף דער פראַגע, — איז קודם־כל באַפאַלט דיך אַ בושה פאַר די יעניקע, וואָס האָבן די דאָזיקע אַקציעס דורכגעפירט!

ווייל ווי אַזוי קאָן מען מיט אַ רואיק געוויסן, גאַנץ קאַלטבלוטיק אָננעמען אַ קליין אומשולדיק קינד ביי די פיסלעך און געבן מיט אים אַ קלאַפּ אין אַ מויער, דער מאַרך פון קאָפּ זאָל זיך צעשפּריצן אויף אַלע זייטן — און טאַקע באַלד דערויף נעמען אַ צווייט קינד און טאָן מיט אים דאָס זעלבע — און האָבן דערביי אַ גאַנץ צופרידענע מינע, לאַכן און וויצלען זיך! צי האָט דער דאָזיקער „מענטש" נישט געגעבן אַ טראַכט, אַז ער אַליין איז דאָך אויך ניט מער ווי אַ מענטש?! אַז אויך מיט זיין אייגענעם קינד קאָן מען ווען דאָס זעלבע טאָן?! צי האָט זיך אין אים ניט אָנגערופן אַ מיטלייד־רעזאָנאַנס צו די געהרגעטע?! ווי אַזוי האָט זיך ביי די מענטשן ניט אָנגערופן — ניט רעדנדיק שוין פון קיין מאָראַל, עטיק, צי ענלעכע אַזעלכע פּוסטע זאַכן — דאָס עסטעטישע געפיל, די אָרדנונגס־ליבע, די געוואוינטקייט צו ריינלעכקייט, היגיענע א. אַז. וו.?

רעדט מען דאָך אַ סך וועגן די דאָזיקע אייגנשאַפטן פון דייטשן פאָלק; לייענען מיר דאָך, ווי אַזוי אַ קאָמענדאַנט פון אַ פאַרניכטונג־לאַגער, אין וועלכן הונדערטער טויזנטער מענטשן זיינען אומגעקומען (ווי די זאַך־קענער שאַצן אָפּ, איז דורכן בעלזעצער קרעמאַטאָריום דורכגעגאַנגען מער ווי אַ מיליאָן מענטשן!), האָט מקפּיד געווען, אַז אויף זיין בגד זאָל חלילה ניט פאַלן קיין שפּרענקעלע שטויב, אַז אין זיין גערטנדל, וואָס געפינט זיך פאַר זיין וואוינונג ניט ווייט פון אויוון, אין וועלכן ס'האָבן זיך געברענט טויזנטער נפשות — זאָל הערשן אַ מוסטערהאַפטע ריינלעכקייט, — און אָט די דאָזיקע מענטשן האָבן מיט דער גרעסטער גלייכגילטיקייט זיך צוגעקוקט, ווי ס'וואַלגערן זיך סעגווייז יידישע קערפּערס, ווי זיי פוילן אין מיטן גאַס, ווי ווילדע הינט גריזשען אָפּ מענטשלעכע קעפּ — און יידיש בלוט באַשפּריצט און באַשמוצט גויאישע הייזער! ווי אַזוי האָט מען געקאָנט רואיק איבערשפּאַנען איבער אַ טויטן קערפּער פון אַ מאַמען מיט אַ

*) נחמן בלומענטאַל, שוועסטערקינד פון נ. מייזיל, געבוירן און אויפגעוואַקסן אין באָרשטשאָוו, טאַרנאָפּאָליער געגנט. [...]ענדיקט וואַרשעווער אוניווערסיטעט, זיין דאָקטאָראַט — [...] קאַפּיטאַל, גרינטלעכע ווערק איבער פּראָבלעמען פון [...] אין פּויליש. געווען לערער (פּראָפעסאָר) פון ליטע־[...] אין די העכערע קלאַסן פון יידיש־פּויליש גימ־[נאַזי]עס מיט מלוכה־רעכט אין לובלין און לאָדזש. פּאַרעפנט־[לע]כט אַרטיקלען אין יידיש און פּאַרשיידענע יידישע אויס־[גאַב]עס אין פּוילן. עוואַקואירט געוואָרן קיין אופא בעתן [קרי]ג. זיין משפחה פאַרבליבן אין זיין היימשטאָט באָר־[שט]שאָוו, וואו אומגעקומען מיט כמעט אַלע יידן אין דער [געג]נט. לעצטנס איז נ. בלומענטאַל אין לובלין. ער איז איצט [...]עראַטן ביי דער פּרץ־פייערונג אין לאָדזש. — די פּיינ־[לע]כע באַטראַכטונגען האָבן מיר באַקומען מיט דער פּאָסט פון [...]רשטשאָוו. ווי ער שרייבט אונדז, שיקט ער אונדז נאָך. דער [נא]מען „אַ שטימע פון יאָמער־טאָל" איז אונדזערער. — רעד.

...אַ פאָלק, וואָס איז אַזוי מוראדיק דערנידעריקט געוואָרן. דו שעמסט זיך, וואָס דער ייד איז געשטעלט געוואָרן נידעריקער פון יעטוועדן באַשעפעניש, פון נידעריקסטן און מנובלסטן, וואָס דאָס הרגענען זיינס רופט אַפילו ניט אַרויס קיין מינדסטן רעפלעקס פון געוויסן, עטיק, צי אַפילו געזעץ!

— דו הערסט די געשיכטן צום הונדערטסטן מאָל, און גלויבסט נישט! ווי אַזוי האָט דאָס געקאָנט געשען? ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך?! און די מענטשן, וואָס דערציילן דיר דאָס, וואָס האָבן דאָס אַליין איבער-געלעבט, גלייבן ניט אין דעם. זיי אַליין באַטראַכטן זייערע אייגענע איבערלעבענישן, ווי עפּעס אַ בייזן חלום, עפּעס אַ מין אויסגעטראַכטע זאַך, וואָס האָט ניט קיין קיום אין דער ווירקלעכקייט! און ווען דאָס רעאַלע

---

*) נחמן בלומענטאַל, שוועסטערקינד פון נ. מייזיל, געבוירן און אויפגעוואַקסן אין באָרשטשאָוו, טאַרנאָפּאָליער געגנט, געענדיקט וואַרשעווער אוניווערסיטעט, זיין דאָקטאָראַט — אַ קאַפּיטאַל, גרינטלעך ווערק איבער פּראָבלעמען פון שאַפן אין פּויליש. געווען לערער (פּראָפעסאָר) פון ליטע-ראַטור אין די העכערע קלאַסן פון יידיש-פּוילישע גימ-נאַזיעס מיט מלוכה-רעכט אין לובלין און לאָדז. פאַרעפנט-לעכט אַרטיקלען אין יידיש אין פאַרשיידענע יידישע אויס-גאַבעס אין פּוילן. עוואַקואירט געוואָרן קיין אופאַ בעתן קריג. זיין משפּחה פאַרבליבן אין זיין היימשטאָט באָר-שטשאָוו, וואו אומגעקומען מיט כמעט אַלע יידן אין דער געגנט. לעצטנס איז נ. בלומענטאַל אין לובלין. ער איז איצט אויפגעטראָטן ביי דער פּרץ-פייערונג אין לאָדז. — די פּיינ-פולע באַטראַכטונגען האָבן מיר באַקומען מיט דער פּאָסט פון באָרשטשאָוו. ווי ער שרייבט אונדז, שיקט ער אונדז נאָך. דער נאָמען „אַ שטימע פון יאָמער-טאָל" איז אונדזערע. — רעד.

קליין קינד אויף די אָרעמס און ניט דערפילן קיין שום געפיל פון אָפשיי... — צי אַפילו פשוטן עקל!

אָפּנים, די יידישע נאַציע איז אַרויסגענומען פון יעטוועדן געזעץ: ניט נאָר פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכן, נאָר אַפילו נאַטור־געזעץ. אַ ייד שטייט אויסער די ראַמען פון יעטוועדער אָרדענונג, אויף אים איז ניט חל קיין שום געזעץ, ניט קיין מאָראַליש, ניט קיין פּאָליטיש, ניט קיין פיזיש! ער איז אַ מין „אַין" — אַ דעך, אַ גאָרניט; און דו שעמסט זיך, וואָס ביסט אַלס ייד אַזוי נידעריק געפאַלן — מעג דאָס זיין אַפילו נאָר אין די אויגן פון מערדער! — זאָל זיין: די דערמאָרדעטע זיינען שולדיק, אָבער ווי אַזוי קאָן מען מיט אַזאַ אכזריות מאָרדעווען — אויפן בעסטיאַלסטן אופן — הונדערטער טויזנטער מענטשן און אָנטאָן זיי אַזעלכע פיין און צרות, וואָס קיין שום זינד זייערע קאָן דאָס ניט באַרעכטיקן! ניטאָ אַזאַ חטא אויף דער וועלט, פאַר וועלכן מ'זאָל זיין באַרעכטיקט צו באַשטראָפן מיט אַזעלכע מעטאָדן, מיט אַזעלכע ניט־מענטשלעכע טאָרטורן, ווי דאָס האָבן אָנגעווענדט די דייטשן לגבי זייערע קרבנות; ניטאָ אַזאַ זינד — אַ חוץ דעם חטא פון דורכפירן אָט די דאָזיקע „אַקציעס". פאַרדינען אַזעלכע שרעקלעכע ליידן און פיין האָבן נאָר געקאָנט די יעניקע, וואָס האָבן די דאָזיקע ליידן אויסגעטראַכט און אָנגעווענדט.

און דו שעמסט זיך, וואָס די דאָזיקע פייניקער, הענקער זיינען אויך מענטשן — און מיטגלידער — ווען אַפילו פון אַן אַנדערער „ראַסע" — פון דער זעלבער מענטשהייט, צו וועלכער אויך דו געהערסט. דו שעמסט זיך, וואָס ביסט אַ מענטש! וואָס דו האָסט אַ פיזישע ענלעכקייט צו די מענטשן־מערדער!! און דו שעמסט זיך, וואָס דערמיט אַליין ביסטו אַ מיטשולדיקער!

און ווען דו גייסט מיט די גאַסן און זעסט אויף טריט און שריט די מאָוימדיקע שפּורן פון דער אויסראָטונגס־אַקציע, ווען אויף די שטיינער פון די גאַסן ליגן נאָך סימנים פון יידיש בלוט — חידושט דו זיך, ווי אַזוי ווייניק האָט זיך די אַרומיקע וועלט געענדערט! אָט שטייען די זעלבע הייזער, די זעלבע ביימער — אָט גייען די זעלבע מענטשן, וואָס זיינען געווען „שטומע" צוקוקער צו די געשעענישן, און וואונדערסט זיך, ווי אַזוי האָבן די דאָזיקע מענטשן געקאָנט זיך רואיק צוקוקן צו די שוידערלעכע אַקציעס? זיינען זיי דאָך געווען פאַרבונדן דורך פאַרשיידענע באַציאונגען מיט די יעניקע, וועלכע מ'האָט גאַנץ רואיק געפירט צו דער שחיטה — און וואונדערסט זיך, ווי אַזוי האָבן די זייטיקע געקאָנט רואיק דאָס צוקוקן? פאַרוואָס האָב זיי ניט גענומען קיין וואָרט צום שוץ? און דו שעמסט זיך פאַר אָט די מענטשן אויך!

נאָר ווען דיר קומט שוין אויפן מוח דער געדאַנק וועגן שוץ, קאָנסטו שוין בשום אופן ניט פאַרשטיין, ווי אַזוי האָט די וועלט געקאָנט זיך רואיק צוקוקן צו דעם, ווי אַ פאָלק ווערט געפירט צו אַ שחיטה?! צי האָט מען טאַקע ניט געקאָנט צי ניט געוואָלט אָננעמען מיטלען אויף אָפּצושטעלן די דאָזיקע אַקציעס?! ווייל דעם אמת מוז מען דאָך זאָגן, — וואָס האָט די וועלט, די קולטורעלע, דעמאָקראַטישע, געטאָן אויף אָפּצושטעלן דעם אויסראָטונגס־פּראָצעס?! פון איין זייט — אַ שרעקלעך בילד: אַ פאָלק גייט אונטער אין שרעקלעכע ליידן — און פון דער אַנדערער זייט: בלאַסע, זייער בלאַסע און זעלטענע, זייער זעלטענע — אויסדרוקן פון מיטלייד! און דו שעמסט זיך פאַר אָט דער וועלט!

אין די געגנטן, אויף וועלכע ס'זיינען פאָרגעקומען די פּאָגראָמען, לעבן יידן שוין זינט טויזנטער יאָרן. און זיי לעבן צווישן פעלקער, וואָס זיינען — לכל הפחות זינט צוויי טויזנט יאָר — דערצויגן געוואָרן אין אַ מאָראַל, וואָס הייסט ליב האָבן דעם חבר ווי זיך אַליין! וואו זשע איז דאָס אַלץ אַהינגעקומען! פאַרוואָס־זשע האָבן זיך אָט די פעלקער ניט איינגעשטעלט פאַר זייער לאַנג־יעריקן שכן; באַ — ניט נאָר איינגעשטעלט, נאָר זיירע אָפּט אַפילו מיטגעהאָלפן דעם... הענקער! פאַרוואָס?! צי האָט מען מיט אַמאָל געקאָנט אויסרייסן יעדן געפיל פון ברודערלעכקייט, פון פריינטלעכקייט צי פשוטער שכנותדיקייט?! צי האָט זיך אין די מענטשן ניט אָנגערופן קיין שום געפיל פון מענטשלעכן רחמנות! ווי אַזוי האָבן זיי זיך געקאָנט רואיק צוקוקן צו דעם אַלעם און ניט וועלן מיט גאָרניט העלפן?! וואו זיינען געווען זייערע גייסטיקע, פּאָליטישע צי רעליגיעזע אָנפירער?! צי האָבן זיי געהאַלטן, אַז אַלץ איז אין אָרדענונג?! מעגלעך, גאַנץ מעגלעך! און דו שעמסט זיך פאַר אָט די אָנפירער, וואָס האָבן געקאָנט שטילשווייגנדיק אַריבערגיין צו דער טאָג־אָרדענונג — אפשר אַפילו מיט אַ שאָדן־פרייד־געפיל איבער די שוידערלעכע געשעענישן צו זייערע אייגענע קליינלעכע עסקים. און דו שעמסט זיך אויך פאַר די פּאַסיווע פאָלקסמענטשן, וואָס האָבן אַליין פון זיך ניט אָנגעהויבן קיין הילף־אַקציע...

און ווען דו דערגייסט צום פּראָבלעם פון שוץ, הילף — ברענט דיך מיט אַ גיהנום־פייער דאָס בושה־געפיל, פאַרוואָס האָבן זיך די יידן אַליין ניט פאַרטיידיקט, נאָר געלאָזט זיך פירן צום טויט ווי מוטלאָזע שאָף! זעלטן הערסטו וועגן אַ פאַקט פון אַן אַקטיוון אַנטקעגנשטעלן זיך קעגן שלעכטן. דאַקעגן הערסטו זייער אָפט וועגן כמעט אַ פריידיקן איבערגעבן זיך דעם הענקער אין די הענט, — אַ דערשיינונג, וואָס נעמט דיך אַרום מיט שטוינען און דרך־ארץ פאַר די אָפּפער, פאַר דעם קידוש־השם.

יאָ, שולדיקע אין די געשעענישן זיינען פאַראַן אָסך. שולדיק זיינען מיר אַליין — די אומשולדיק־געשאָכטענע; שולדיק איז די אַרומיקע סביבה מיט זייער ניט וועלן „זיך מישן"; שולדיק איז די ווייטערדיקע וועלט (אַנגלאָ־סאַקסישע) מיט זייער אינדיפערענץ — שולדיק זיינען . . .

אָבער דאָס אַלץ, ווי אַזוי ריכטיק ס׳זאָל ניט זיין — טאָר איך אַ האָר ניט אַראָפּנעמען דאָס אחריות פאַר דעם געשעענעם פון דייטשן פאָלק! אַ טעות האָט דער, וואָס וויל רעדוצירן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר די פּאָגראָמען צו אַ קליין הייפעלע פאַשיסטישע אָנפירער! ניט היטלער איז שולדיק אין די יידישע פּאָגראָמען! דאָס איז אַ כלל, וואָס מוז יעדן קלאָר ווערן: שולדיק איז דאָס דייטשע פאָלק, וואָס האָט אַזאַ היטלערן אויסגעכאָוועט און אים איבערגעגעבן די מאַכט. שולדיק איז דאָס דייטשע פאָלק, וואָס האָט טאָלערירט אַלע זיינע משוגעתן, וואָס גייט אים נאָך ווי בלינדע שאָף. וואָלט דאָס דייטשע פאָלק געווען אַנדערש געשטימט, וואָלט עס ניט געהאַט אין זיך די פאַרברעכערישע אינסטינקטן, וואָלט קיינמאָל קיין היטלער ניט געוואָרן קיין „פירער".

און ניט נאָר דאָס! האָבן דאָך די אַקציעס דורכגעפירט ניט נאָר געוויסע גרופּעס פון דייטשער פּאָליציי — נאָר אין זיי האָבן זיך באַטייליקט די ברייטסטע שיכטן פון דייטשן פאָלק, פון אַן אַריסטאָקראַט אַ גענעראַל־מאַיאָר קאַצמאַן (אַ פּסעוודאָנים ?), וואָס האָט אייגנהענטיק געשאָסן די אינטעליגענץ, וועלכע מ׳האָט אויסגעשטעלט אין איין ריי (דעם פעטן ביסן האָט ער פאַר זיך אַראָפּגעכאַפּט, ניט געוואָלט איבערלאָזן דעם המון), ביז צו אַ פּשוטן גודען—רעפערענט ביי אַ קרייז־געסטאַפּאַ־אַמט קעלנער (פּסעוודאָנים ? — אמתער נאָמען: נאָם ?), צו אַ גאַנץ פּשוטן דייטשן שאָפער ברעטשניידער צי זשאַנדאַר ראָגער!

אַ טעות האָבן אויך די, וואָס מיינען, אַז די אַרמיי איז געווען בעסער, אַז די ווערמאַכט איז געשטאַנען אין אַ זייט! זיכער האָט זי ניט געהאַט די מעגלעכקייט דורכצופירן דאָס, וואָס די ספּעציעל־געשולטע און ספּעציעל דערצו באַשטימטע געסטאַפּאָ האָט געקאָנט טאָן! האָט דאָך די ווערמאַכט געמוזט קעמפן אויך קעגן דעם אויסערלעכן שונא און ניט נאָר אין זינען האָבן דעם אינערלעכן, דעם יידן! אָבער אומעטום, וואו די ווערמאַכט האָט געקאָנט, וואו די צייט און די באַדינגונגען האָבן דאָס דערלאָזט, האָט זי גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין אַלע יידישע אויסראָטונגס־אַקציעס. ביישפּילן, באַווייזן דערצו קאָן מען ברענגען אין די טויזנטער, ווען מען נעמט נאָר אין באַטראַכט אַזאַ קליין געביט, וועלכן מיר האָבן איצט פאַר די אויגן!

און דאָס דאַרף מען אין זינען האָבן און מ׳טאָר זאָגן דעם ניט פאַרגעסן! און ס׳באַגייען אַ פאַרברעכן די אַלע, וועלכע ווילן מלמד זכות זיין אויף דעם צי אויף יענעם טייל פון דייטשן פאָלק, צי דייטשער אַרמיי. כולו חייב! — דאָס דאַרף זיין דער פּסק־דין, וואָס די מענטשהייט דאַרף אַרויסטראָגן קעגן דעם באַנדיטן־פאָלק! ניטאָ קיין רחמנות פאַר די יעניקע, וואָס קיין ברעקל רחמנות האָבן זיי קיינמאָל ניט אַרויסגעוויזן. ניטאָ קיין שום מילדערונגס־אומשטאַנדן פאַר די יעניקע, וואָס האָבן קיינמאָל קיין שום מילדערונגס־אומשטאַנדן ניט אָנגעווענדט פאַר יענעמס וועגן. — דאָס דייטשע פאָלק מוז באַצאָלן מיט זיין אייגן בלוט פאַר די אַלע קרבנות, וועלכע עס האָט פון אייגענעם ווילן און פאַר אייגענעם פאַרגעניגן דערמאָרדעט.

## אַ פאָלק גייט אונטער

אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, אין מיטן קולטורעלן אייראָפּע, האָט אַ גרויס שטאַרק פאָלק באַפאַלן אַ קליין אומשולדיק פאָלק און אויפן אכזריותדיקסטן אופן עס דערמאָרדעט. דאָס איז אַ פאַקט! דאָס, וואָס מ׳האָט אַפילו אין ערגסטן חלום ניט געקאָנט פאָראויסזען, דאָס וואָס מ׳האָט אַפילו אויפן רעיון ניט געקאָנט נעמען, אַז ס׳איז דורכפירבאַר — איז געשען!

מיר געדענקען אַלע: אין געוויסע מדינות פון אייראָפּע איז דאָס אַזוי־גערופענע יידן־פּראָבלעם געשטאַנען זייער שאַרף, מ׳קאָן זאָגן: אויפן שפּיץ מעסער! מיר געדענקען גאַנץ גוט, אַז אין געוויסע מקומות פלעגן אונטערן איינפלוס פון געוויסע מענטשנפרעסערישע שוואַרץ־מאַהניקעס אויסברעכן אַנטיסעמיטישע אומרוען. מיר געדענקען פון פאַר דער מלחמה — פּשיטיק און טשענסטאָכאָוו און בריסק און גראָדנע! און מיר געדענקען נאָך פון נאָך פריערדיקע צייטן און פון נאָך פינצטערע מלוכות: קישענעוו און ביאַליסטאָק! אָבער וואָס זיינען די אַלע קליינלעכע פּאָגראָמען קעגן איין דייטשער אַקציע, דורכגעפירט אַפילו אין קלענסטן יידישן ישוב! אין ליכט פון די היינטיקע געשעענישן זעען זיי דאָך אויס ווי קליינלעכע קינדער־שפּילערייען!

און אין דער אמתן זיינען דאָך די פּאָגראָמען געווען ניט קיין זעלבסט־ציל, נאָר אַ מיטל אויף צו ווייזן, ווי אַזוי ברענענדיק עס איז דאָס יידן־פּראָבלעם, אַז מען מוז עס גלייך לעזן! טיילמאָל האָט אַפילו דער פּאָגראָם ניט געהאַט דעם דאָזיקן בייגעשמאַק: ער האָט — אַזוי צו זאָגן — גאָר ניט אויסן געווען קיין יידן. ס׳האָט זיך געהאַנדלט גאָר פּשוט אין אָפּווענדן די אויפמערקזאַמקייט פון המון פון גאָר אַנדערע פּראָבלעמען, פון גאָר אַנדערע פראַגן, און דער ייד — דער געפאַלענער אין פּאָגראָם — איז גאָר געווען אַ גאַנץ צופעליקע דערשיינונג, אַ טפל־זאַך. זייער אָפט האָט דער יידישער פּאָגראָם גאָר קיין שייכות ניט געהאַט צום יידן־פּראָבלעם! וואָס פאַר אַ געפערלעכסטער אַנטיסעמיט האָט דאָס געוואַגט פריער אַרויסרוקן דעם לאָזונג: „פולשטענדיקע פאַרניכטונג"! ער האָט עס ניט געוואַגט, ווייל מעגלעך: עס איז אים גאָר אויפן זינען ניט געקומען! אַזוי נידעריק איז ער ניט געפאַלן! דאָס איינע געוויסן האָט אים דערצו ניט דערלאָזט. און היינט די אויסן־וועלט! וואָס וואָלט דאָס וועלט־געוויסן געזאָגט?! וואָלט די מענטשהייט געשוויגן?! האָט דאָך אַפילו דער „לא יזכר און ולא יפקד" אַליין ניט געוואַגט אַרויסרוקן דעם געדאַנק פון הונדערט־פּראָצענטיקער אויסראָטונג פון יידנטום אין די דרשות, וואָס ער האָט געהאַלטן שוין נאָכן אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה

# יידישע קולטור

חודש־שריפט פונעם אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־פאַרבאַנד (איקוף)

רעדאַקטאָר—נחמן מייזיל

רעדאַקציע־קאָלעגיע: ב. צ. גאָלדבערג, ז. ווייַנפּער, משה כץ, יעקב סילד, קלמן מרמר, לעאָן קאָברין, דר. א. קלומפּק

...בעטער יאָרגאַנג
...י, 1945

New York, N. Y.
JUNE, 1945

6

אַבאָנאָמענט־פּרייז — אַ יאָר: $3.00; אין אויסלאַנד — $3.50

...דרעס: YKUF, 189 Second Ave., New York 3, N. Y.

טעלעפאָן: GR. 7-9084


# ...און וואָס ווייטער?

פון נחמן מייזיל

1

מיט באַזיגן דאָס נאַציִשע דייטשלאַנד, מיטן פאַר־ענדיקן די בלוטיקע שלאַכטן אין אייראָפּע, מיטן באַ־פרייען די פעלקער און לענדער פונעם היטלעריסטישן יאָך, — ווערט אָפּגעשלאָסן אַ גרויליקע און גרויזאַמע עפּאָכע אין דער וועלט־געשיכטע און אינעם לעבן פונעם יידישן פאָלק. אַלע, אַלע אָן אונטערשייד האָבן גע־בראַכט די לעצטע צעלעכע יאָר מוראדיקע קרבנות, יעדעס לאַנד און יעדעס פאָלק האָט זיך גענוג אָנגע־ליטן פונעם העסלעכן פאַשיזם און נאַציזם, — יעדעס לאַנד און פאָלק — אויף אַ באַזונדערן אופן און שטייגער. טייל לענדער און פעלקער זיינען, מיט זייער אָדער קעגן זייער ווילן, אַריינגעצויגן און אַריינגעפּלאָנטערט געוואָרן אין דער שרעקלעכער וועלט־קאַטאַסטראָפע, — אויף פיל מוראדיקע לענדער־ און פעלקער־קאַטאַס־טראָפעס. די לענדער און פעלקער וועלן לאַנגע יאָרן נישט קאָנען צוריק אויפשטעלן די חורבנות, אויס־היילן די וואונדן, צוריק אומקערן דאָס נאָרמאַלע לעבן. יאָ, אַלע פעלקער, די גרעסערע און קלענערע, האָבן געליטן אין לויף פון די לעצטע צעלעכע יאָרן ריזיקע פאַרלוסטן, פיזישע און מאָראַלישע. אָבער מיר, יידן, האָבן געהאַט דעם גרעסטן און שוידערלעכסטן בראָך. די דייטשישע האָרדעס האָבן אָנגעווענדט אומעטום [illegible] רשעות, ברוטאַליטעט, מערדערייען, אָבער גאָר באַזונדערס האָבן די גאָר זייער ווילדקייט און שגעון, אַכזריות און בעסטיאַלישקייט אויסגעגאָסן אויף דער יידישער באַפעלקערונג. ס'איז שוין, צו אונדזער גרויסן צער און טראַגעדיע, קלאָר, אַז אין די אַלע יידישע ישובים און קיבוצים זיינען פאַרבליבן בלויז צענד־ליקער, הונדערטער און איינצלנע טויזנטער יידן.

אין דער הינזיכט האָבן מיר, יידן, גאָר אַ באַזונדערן חשבון מיט די נאַציִשע פייניקער און אויסראָטער פון די מיליאָנען יידן אין די פאַרשיידענע לענדער. צו אונדזער גרויסן ווייטיק און פיין, האָבן די דייטשישע מערדער אין פיל ערטער געפונען אויך אָרטיקע אַרויס־העלפער אין זייער אויסראָטונגס־אַרבעט קעגן יידן. און מיטן פאַרענדיקן דעם קריג און אַרויסיאָגן די דייטשישע אַריינדרינגער, איז נאָך ווייט נישט אומעטום אָפּגע־רייניקט די אַטמאָספער און באַזייטיקט די שרעק, די דערשלאָגנקייט, די צערודערטקייט צווישן דער פיל־געפייניקטער פאַרבליבענער יידישער באַפעלקערונג.

און באַטראַכטן מיר, אַפילו פונדערווייטנס, די טרויעריקע לאַגע פון די אומגליקלעכע פאַרבליבענע יידן, פאַרנעמען מיר די אָפּגעריסענע טראַגישע ידיעות פון די דאָרטיקע יאָמער־טאָלן, וואו דאָס ביסל שארית־הפליטה איז נאָך איצט אָנגעוויזן אויף הונגער, נויט, אומזיכערקייט, אויף שנאה און האַס, — באַטראַכטן מיר דאָס אַלץ, פאַלט באמת אָן אַ מורא, אַ טיפע זאָרג אויף דעם גורל פון די „גליקלעכע", וואָס האָבן באַוויזן זיך אויסצובאַהאַלטן אין די עטלעכע גרויליקע יאָר און וואָס זיינען פאַרבליבן לעבן. דער בראָך איז געווען פיל גרעסער ווי יעדער איינער פון אונדז האָט זיך גאָר געקאָנט פאָרשטעלן, און די באַדינגונגען, אין וועלכע ס'געפינען זיך איצט די לעבן־געבליבענע יידן, זיינען ווייט נישט אַזעלכע, ווי ס'וואָלט באַדאַרפט און גע־קאָנט זיין.

עס איז קלאָר — און לאָמיר נישט פאַרבאַהאַלטן זיך אונטער אונדזערע אייגענע פליגלען, כדי נישט צו זען דיווירקלעכקייט אין איר גאַנצן טראַגיזם ווי עס איז: גרויסע יידישע ישובים און קיבוצים, וויכטיקע צענטערן און שטעט, וואו ס'האָט אָט־אָט ערשט, מיט א 6־5 יאָר צוריק, געלעבט און געבליט, געוואַקסן און